משמרת השלום
02-5379160




# א גוט ווארט

וואכן-שריפט פאר קינדער, פון 'משמרת השלום'

נו' 65
פר' כי תשא
אדר פ"ה

טעמא: אַחְדוּת, רַאטְעוֶועט

## אַחְדוּת עֶקְזִיסְטִירְט שְׁטֶענְדִיג!

### אַחְדוּת אִיז אַ שְׁמִירָה

דֶער הוֹיפְּט מִינִיסְטֶער אִיז אַרַיין צוּם קֶענִיג מִיט אַ מִינֶע פוּן חֲשִׁיבוּת. זַיין הַארְץ הָאט גֶעפָּאמְפֶּעט, דִי שִׂנְאָה הָאט גֶעפְלַאקֶערְט אִין אִיהְם, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר מוּז אוֹיסְפִירְן זַיין רִשְׁעוּתְ'דִיגְן פְּלַאן.

עֶר הָאט קוֹים אַיינְגֶעהַאלְטְן זַיין צָארְן, אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען פָארְלֵייגְן זַיינֶע טְעָנוֹת:

"יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד... מְפוּזָר וּמְפוֹרָד! ס'אִיז פַארְהַאן אַ פָאלְק וָואס אִיז צוּשְׁפְּרֵייט אוּן צוּטֵיילְט, וְאֶת... דָתֵי הַמֶּלֶךְ אֵינָם עוֹשִׂים".

פְרֶעגְט זִיךְ אַ שְׁאֵלָה: צוּ וָואס הָמָן אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיט דִי טַעֲנָה? וָואס גֵייט דֶען אָן פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, אַז אַ פָאלְק בַּיי זַיין מַמְלָכָה - אִיז צוּטֵיילְט? וָואס ס'קֶען אִיהְם אָנְגֵיין אִיז, אַז דָתֵי הַמֶּלֶךְ אֵינָם עוֹשִׂים; זֵיי פִירְן נִישְׁט אוֹיס זַיינֶע בַּאפֶעלְן...

אָבֶּער הָמָן הָאט גֶעוואוּסְט, דֶעם סוֹד הַקִיוּם פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל; אַז זֵייעֶר כֹּחַ לִיגְט אִין זֵייעֶר אַחְדוּת. אַז זֵיי בַּאקוּמֶען אַ הִימְלִישֶׁע שְׁמִירָה ־ וֶוען זֵיי לֶעבְּן זִיךְ גוּט. דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט, אַז אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען יֶעצְט אִין אַ מַצֶב פוּן פִּירוּד הַלְּבָבוֹת ־ וִויל עֶר דָאס אוֹיסְנִיצְן ־ רַחֲמָנָא לִיצְלָן!!!!

דֶערְפַאר הָאט עֶר עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי טַעֲנָה---

שְׁרֶעקְלִיךְ!

הָמָן הָרָשָׁע'ס פְּלֶענֶער, זֶענֶען טַאקֶע גֶעוֶוען, שְׁרֶעקְלִיכֶער וִוי שְׁרֶעקְלִיךְ!!!

אָבֶּער וָואס?...

פָארְט הָאט דֶער רָשָׁע נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַלֶעס... עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט, אַז דֶער סוֹד הַקִיוּם פוּן אִידְן - אִיז אַסַאךְ טִיפֶער וִוי וָואס עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר---

•

אוּן כְּדֵי דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין בֶּעסֶער, וֶועל אִיךְ דִיר

דֶערְצֵיילְן וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט גֶעצִיל'ס הִינְדַאלֶע...

בַּיי גֶעצִיל'ס הוֹיף הָאבְּן זִיך לוּסְטִיג גֶעדְרֵייט עֶטְלִיכֶע הִינֶער. גֶעקַייעֶט אִיבֶּערְבְּלַייבֶּענִישְׁן פוּן בְּרוֹיט, אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִינְדֶערְפְרִי דֶעם אַייגְנְטִימֶער, גֶעלֵייגְט אֵייעֶר, און אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַבִּיסְל פַּרְנָסָה.

אַיין טָאג אִיז אֵיינֶע פוּן דִי יוּנְגֶע הִינְדַאלַאך, פַאַרְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן!

גֶעצִיל'ס קִינְדֶערְלֶעך הָאבְּן זִיך דֶערְשְׁרָאקְן, און זֶענֶען אַרוֹיס גֶעלָאפְן זוּכְן דֶעם קְלֵיין שׁוּשׁוּ. זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן הִילְף:

"אֵיינֶער פוּן אַייךְ הָאט אֶפְשָׁר בַּאמֶערְקְט, אַ וַוייסֶע הִינְדַאלֶע מִיט אַ לַאנְגְן שְׁוַואנְץ?".

נֵיין. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט, וואוּ דִי הִינְדַאלֶע אִיז פַאַרְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן.

דֶער פַאַרְלוּסְט אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס, און אוֹיךְ דֶער וואוּנְדֶער: אַ יוּנְגֶע הִינְדַאלֶע קֶען נִישְׁט אִיבֶּער-שְׁוֶוערְצְן דֶעם גְרֶענִיץ... אֲפִילוּ נִישְׁט אַרִיבֶּער-טַאנְצְן דֶעם הוֹיכְן צוֹים פוּן חָצֵר... וואוּ אִיז שׁוּשׁוּ פַאַרְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן? וֶוער הָאט גֶעלֵייגְט אוֹיף אִיהר אַ הַאנְט???

דֶער וואוּנְדֶער הָאט נִישְׁט גֶעדוֹיעֶרְט צוּלַאנְג.

אִין אַ טָאג אִיז גֶעצִיל אַרוֹיס אִין מַארְק, און גֶעזֶעהן וִוי זַיין שָׁכֵן דֶער עָרֵל סְטֶעפַאן, הָאט אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט אַ הִינְדַאלֶע צוּם אוֹיספַארְקוֹיף! דִי הִינְדַאלֶע אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען מַמָּשׁ וֵוייס, נָאר גְרוֹי. אִיהר שְׁוַואנְץ אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי לַאנְג, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין סָפֵק: דָאס אִיז זַיינְס! סְטֶעפַאן הָאט אִיהְר מִסְתָּמֵא אָפְּגֶעפַארְבְּט, אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם שְׁוַואנְץ - אָבֶּער ס'עֶנְדֶערְט נִישְׁט דֶעם מְצִיאוּת.




דָאס אִיז שׁוּשׁוּ - אָן קֵיין סָפֵק!!!

"סְטֶעפַאן!" הָאט אִיהְם גֶעצִיל אָנְגֶעשְׁרִיגְן "גַּנָּב! - שׁוּשׁוּ אִיז 'מַיין' הִינְדַאלֶע!!!".

"דָאס אִיז שׁוּשׁוּ?" הָאט סְטֶעפַאן גֶעעֶפְנְט אַפָּאר קֶעלְבֶּענֶע אוֹיגְן. "ס'אִיז מַיין הִינְדְל" הָאט עֶר גֶעזָאגְט אָן בּוּשָׁה. כָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעוואוּסְט, אַז זַיין אִידִישֶׁער שָׁכֵן וֵוייסְט, אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין הִינֶער...

"דַיין הִינְדַאלֶע הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶעהן אַנְדֶערְשׁ?" הָאבְּן דִי אַרוּמִיגֶע אוֹיסְגֶעדְרִיקְט זֵייעֶר וואוּנְדֶער. "דוּכְט זִיך אַז זִי אִיז גֶעוֶוען וֵוייס, און גֶעהַאט אַבִּיסְל אַ לֶענְגֶערֶע שְׁוַואנְץ...".

גֶעצִיל הָאט אַוֶועקְגֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע סְפֵקוֹת. "יֶעדֶער אַייגְנְטִימֶער קֶען זַיין סְחוֹרָה: דָאס אִיז מַיין שׁוּשׁוּ. דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע אַיינְצֶעלְהַייטְן, הָאט דֶער גַּנָּב סְטֶעפַאן - גֶעעֶנְדֶערְט".

סְטֶעפַאן הָאט זִיך גֶעדִינְגֶען, בִּיז ס'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ קְלוּגֶער אִיד און אִיהְם גֶע'עֵצֶה'ט: "לָאז אָפּ דֶעם

א חידה במידה

ווּאכְנְטְלִיכֶע רֶעטֶענִישׁ, אוֹיף מִידוֹת און שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן

## חִידָה:

**זִי בְּרֶענְגְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ גְלוּסְטְן**
**אַנְשְׁטָאט צוּ גֶענִיסְן פוּן אֵייגֶענֶע גוּטֶע זַאכְן**
**עֶר בַּאקוּמְט אַ שִׂנְאָה און רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע,**
**נָאר וַוייל עֶר בַּאטְרַאכְט דֶעם צְוֵוייטְן מִיט דִי מִידָה.**

**וֶועלְכֶע מִידָה?**

הינדל, לאמיר זעהן צו ווען עס גייט..."

סטעפאן האט נישט געהאט קיין אנדער ברירה, נאר צו פאלגן. ער האט פריי געלאזט דעם הינדל. און...

שושו איז פארשטייט זיך - גלייך געלאפן צו געציל! ארויף געטאנצן אויף זיינע אָרעמ'ס, מיט בענקשאפט.

יא. יא. דרויסנדיגע איינצעלהייטן ־ מאכן נישט די זאך. דער עיקר איז וואס מ'איז באמת!

•

אַ אידיש קינד איז במקור - צוזאמען מיט זיינע ברודער - איין זאך! נאר וואס? צומאל ווערט דער נאטורליכער פארבינדונג צושטערט, צוליב פארשידענע נסיונות און יצרים...

אבער וויבאלד דאס איז זייער איינגנשאפט און כאראקטער, קענען זיי זיך צוריק כאפן אין איין מינוט, און ווערן באחדות!

אַ פאקט וואס המן הרשע, האט פארשטייט זיך - נישט געוואוסט!

און אזוי ווי אסתר המלכה האט געהערט פון דעם בראך, האט זי גלייך געבעטן ביי מרדכי הצדיק:

" לֵ ךְ
כנוס את כל היהודים!"
נעם אלעמען צוזאם! ברענג צו אַ קירוב הלבבות, פאסט אלע צוזאמען, און בעט'ס אז די גזירה זאל בטל ווערן!

אַ רוף וואס האט טאקע אויפגעוויזן, אז דער פירוד און מחלוקת איז בלויז געווען אויסערליך, חיצוניות'דיג. אין פנימיות איז כלל ישראל איין זאך: זיי האבן זיך באלד צאמגענומען כאיש אחד בלב אחד.

מ'האט זיי בלויז געדארפט ערוועקן. און אזוי ווי ס'איז געווארן צווישן זיי אַ דביקות, האט דאס אראפגעצויגן אַ הימלישע שמירה און... אַ גרויסע ישועה!!!

אזוי איז עס אין יעדן דור: דאס איז דער מהות און פנימיות פון יעדן איד באזונדער, און פון אלע צוזאמען.

**מיר וועלן אי"ה ממשיך זיין רעדן אויף דעם, די קומענדיגע וואך...**

**דערווייל טראכט אויף וואס דו האסט געליינט!**

**אַ גוט שבת און אַ פרייליכן פורים ־ משולם**




צו צושליסן נאך מוסדות, צום פראגראם חברים: פעקס: 02-6506107 מייל: t025379160@gmail.com

צו אנטייל נעמען און צושפרייטן דעם וואכנשריפט:
1800-800-779

דער וואכנשריפט ווערט געדריקט און פארשפרייט:
אאריה יוחנן בן יוסף לעילוי נשמת

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:** עוֹקֶץ קְלֶעפְּט זִיךְ צוּ צוּ מְשׁוּלָם, אַנְשְׁטָאט אוּרִי, אוּן עֵצָה'ט אִיהְם צוּ עָנְטְפְּלֶעקְן סוֹדוֹת פוּן דִי גֶעהַיימָע אֲסִיפָה פַאר זַיינָע חֲבֵרִים. צוּלִיבּ דֶעם וֶוערְן דִי פְּלֶענֶער צוּשְׁטָערְט. מְשׁוּלָם אִיז חוֹשֵׁד אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר מִיט אוּרִי. סַפְרָא עָנְדֶעקְט אִיהְם, אַז אוּרִי אִיז לַעצְטְנְס בִּכְלַל נִישְׁט מִיט אִיהְם.

קַאפִּיטְל 24

# גֶעהַיימְנִיסִ'ן, בַּייְם בָּאדְן פוּן לֶעבְּן

גֶעשְׁרִיבְּן: ש. רוזנשטיין | גֶעמָאלְן: יוספי יוסף




פָארְזֶעצוּנְג וֶועט קוּמֶען אי"ה

אִיהר ווילְט הֶערְן אַבִּיסְל מֶער, אוֹיף מְשׁוּלָם מִיט זַיינָע חֲבֵרִים, אוּן אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע'ס, מְסוּכְּנְ'דִיגֶע סָאלְדַאטְן? **קְלִינְגְט אַרַיין צוּם חֲבֵרִים-לַיין: 0723372212 דְרִיקְט 394**

צו צושפרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל'ן, פאר א מינימאליש'ן פרייז
**קלינגט 02-5379160 דריקט 0**